**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/8/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנאר האוקאל מעלדט אנהויב פון ארבעט אויף 41 מיליאן דאלארדיגע צוגענגליכע האָוזינג דעוועלאפמענט אין אניידע קאונטי

***אָפגרעידס צו קאלאניעל II אפארטמענטס וועט אפהיטן און פארבעסערן 74 היימען פאר סיניאָרס און מענטשן מיט דיסאַביליטיס אין שטאט ראום***

***פראיעקט האט אויסגעטיילט 1 מיליאן דאלער דורך אויסגעצייכנטע געביידעס פארמעסט צו דערגרייכן נעטאָ-זעראָ קארבאן עמיסיעס***

***טייל פון גאווערנער׳ס 25 ביליאן דאלערדיגע פינף-יעריגער גרונטליכער האָוזינג פלאן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז קאנסטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אויף 41 מיליאן דאלערדיגן רעהאביליטירונג און מאדערניזירונג פון קאלאניעל II אפארטמענטס אין דער שטאט ראום אין אניידע קאונטי. דער פראיעקט וועט אפהיטן צוגענגליכקייט פאר 74 עלטערע איינוואוינער און דער נייער גאר ענערגיע-גינציגער פלאן איז ערווארטעט צו דערגרייכן נעטאָ-זעראָ קארבאן עמיסיעס און העלפן רעדוצירן אלגעמיינע יוטיליטי פרייזן פאר איינוואוינער.

״בשעת מיר שטרעבן צו מאכן ניו יארק מער יושר׳דיג, איז קריטיש-וויכטיג אז מיר באזארגן פאר מער-באדערפטיגע און עלטערע ניו יארקער צוטריט צו צוגענגליכע האָוזינג וועלכע ערמעגליכט פאר זיי צו וואוינען מיט די זיכערהייט און אפגעהיטנקייט וואס קומט זיך זיי,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דער צוגענגליכע האָוזינג דעוועלאפמענט פראיעקט וועט באזארגן ראום׳ס עלטערע איינוואוינער און מענטשן מיט דיסאַביליטיס א מאדערנער און גאר ענערגיע-גינציגער געביידע וואס וועט פארבעסערן זייער לעבנס-קוואליטעט, פארשטערקערן דער קאמיוניטי וואס איז זייער היים, און העלפן דערגרייכן ניו יארק׳ס לאנג-טערמיניגע קלימאט צילן.״

קאלאניעל II אפארטמענטס איז א טייל פון גאווערנער האוקול׳ס גאנץ-סטעיט׳יגע פלאן צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר׳דיג, און סטאביל. אין דעם לעצטנס-דורכגעפירטן סטעיט בודזשעט, האט דער גאווערנער מיט ערפאלג געשאפן א נייע 25 ביליאן דאלערדיגער, פינף-יעריגער גרונטליכער האָוזינג פלאן וואס וועט העכערן האָוזינג סופליי דורך שאפן אדער אפהיטן 100,000 צוגענגליכע שטובער לענגאויס ניו יארק, אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר מער-אומבאהאלפענע טיילן פון דער באפעלקערונג, אינאיינעם מיט די עלעקטריזירונג פון נאך 50,000 וואוינונגען.

קאלאניעל II אפארטמענטס געפונט זיך ביי 310 קאטעדזש סטריט אין ראום און איז באזיצט און אפערירט דורך דער ראום האָוזינג אויטאריטעט. דער קאמפלעקס איז צוטריטליך דורך פובליק טראנספארטאציע און געפונט זיך נעבן גראסערי שאַפינג, אן אפטייק, מעדיצינישע איינריכטונגען, און פובליק פארקס.

די זיבן-שטאקיגע געביידע האט זיך ארגינעל געעפנט אין 1972 אלס א סקול און דארמיטארי און איז איבערגעביטן געווארן אויף פובליק האָוזינג אין 1984. די געביידע איז קיינמאל נישט גע'אפגרעיד געווארן בעפאר דער קריטיש-וויכטיגער רעהאביליטירונג און איז געווארן אומניצבאר.

די רענאוואציעס וועלן איבערמאכן אפארטמענט גרויסקייטן, וועלכע זענען איצט צו קליין צו בלייבן שטאנדהאפטיג. ווען פארענדיגט, וועט די געביידע אנבאטן 74 איינציג-שלאפצימערדיגע דירות פאר עלטערע איינוואוינער און מענטשן מיט דיסאַביליטיס, מיט באקוועמליכקייטן אריינגערעכנט געמיינשאפטליכע ערטער, לאָנדרי מאשינען און אן אפנלופטיגע הויף פאר פארוויילונג. RHA וועט באשעפטיגן א פול-צייטיגע מעינטענענס סופעראינטענדענט אויפ'ן ארט.

די געביידע וועט ווערן איבער-אויסגעשטעלט צו דערגרייכן נעטאָ-זעראָ קארבאן עמיסיעס דורך אויסניצן הייצונג און קילונג סערוויס פון אויפ'ן-ארטיגע געאטערמאלע קוועלער באהאפטן צו איינציגווייזע אונטערערדישע הייצונג פאמפס, אינדיווידועלע ענערגיע ערהוילונג ווענטילאטאר צו באזארגן פרישע לופט און ארויסלאזן די שטיקעדיגע לופט, צענטראלע הייצונג פאמפ הייסע וואסער הייצער מיט א ווידער-צירקולירונג לופּ, און א ריזיגע סאָלאַר פאטא-וואלטאישע ריי צו דעקן 98 פראצענט פון די יערליכע עלעקטרישע פראדוקציע אין דער געביידע. דער פראיעקט'ס רעהאביליטירונג רעכנט אריין ערזעצונג פון די עקזיסטירנדע געביידע'ס אויסערליכע ווענט מיט א הויך-פונקציאנירנדע און קאסט-גינציגע סיסטעם פון אינדרויסנדיגע פענצטער און וואנט פאנעלן. די נייע פאנעלן וועלן צושטעלן א שטערקערע און מער שטאנדהאפטיגע אויסערליכע טייל וואס וועט העלפן רעדוצירן ענערגיע קאסטן.

די דעוועלאפערס זענען ביעקאן קאמיוניטיס דעוועלאפמענט על-על-סי און דער ראום האָוזינג אויטאריטעט (RHA).

**"האומס ענד קאמיוניטי ריניועל" קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** "די רעהאביליטירונג פון קאלאניעל II אפארטמענטס איז ווידער נאך א ביישפיל פון גאווערנער האוקול'ס אנטשלאסנקייט אפצוהיטן ניו יארק'ס קריטיש-וויכטיגע פובליק האָוזינג. מיר זענען גאר דערהייטערט צו שאפן א געזונטע און באקוועמע סביבה פאר 74 עלטערע מענטשן און אזעלכע מיט דיסאַביליטיס, און נאך דערצו צו אינוועסטירן אין א דעוועלאפמענט וואס וועט פירן צו א גרינערן ניו יארק סטעיט. אלס דער ערשטער פובליק האָוזינג אויטאריטעט אין ניו יארק צו דערגרייכן נעטאָ-זעראָ קארבאן עמיסיעס, וועט קאלאניעל II אפארטמענטס דינען אלס א מוסטער פאר אונזערע צוקונפטיגע פראיעקטן און וועט אונז העלפן גרייכן דעם אמביציעזן קארבאן ארויסלאז ציל באשטימט דורך דער סטעיט'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ. א דאנק אייך צו ביעקאן קאמיוניטיס דעוועלאפמענט און דער ראום האָוזינג אויטאריטעט פאר זייער צוזאמארבעטשאפט אין דער פאראויס-דענקנדע, ענערגיע-גינציגע פראיעקט."

**פרעזידענטקע און CEO פון דער ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט דאריען עם. האריס האט געזאגט,** "NYSERDA שטאלצירט זיך צו זען די אנהויב פון ארבעט אויף דעם קאלאניעל II פראיעקט, וועלכס וועט פארברייטערן צוטריט צו גאר ענערגיע-גינציגע באקוועמע צוגענגליכע האָוזינג פאר אניידע קאונטי'ס עלטערע און מער-באדערפטיגע איינוואוינער ניצנדיג אינאווירנדע טעכנאלאגיע אינעווייניג און אינדרויסן. מערסט מערקבאר, איז דער אויסגעצייכנטע געביידעס פראיעקט הויפטזעכליך באקרעפטיגט דורך ריינע באנייבארע סאָלאַר ענערגיע און שפיגלט אפ די געזונט און ענווייראנמענטאלע בענעפיטן וואס גרינע קאנסטרוקציע קען ליפערן צו אונזערע אונטערסערווירטע קאמיוניטיס אונטער גאווערנער האוקול'ס ציל צו דערגרייכן 2 מיליאן קלימאט-גינציגע היימען דורך 2030."

פינאנצירונג פאר קאלאניעל II אפארטמענטס רעכענט אריין 2 מיליאן דאלאר אין קביעות׳דיגע באנדס פטור פון שטייער, פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיטס וועלכע וועלן אויפגעטריבן 16.6 מיליאן דאלאר אין באזיצערשאפט, און באלד 12.5 מיליאן דאלאר אין סאבסידי פון ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳. דער פראיעקט איז אויך געשאנקען געווארן 1 מיליאן דאלער אין דער צווייטער רונדע פון NYSERDA׳ס אויסגעצייכנטע געביידעס פארמעסט און 296,000 דורך NYSERDA׳ס נייע קאנסטרוקציע האָוזינג פראגראם. נאך פינאנצירונג ווערט צוגעשטעלט דורך דער ראום האָוזינג אויטאריטעט און אפגערוקטע דעוועלאפער אפצאל.

רענאוואציעס ביי ׳קאלאניעל I אפארטמענטס׳, אויך פינאנצירט דורך HCR, זענען פערטיג געווארן אין 2019. קאלאניעל I באט אן 83 צוגענגליכע היימען פאר סיניאָרס און מענטשן מיט דיסאַביליטיס.

**סענאטאר טשארלס שומער האט געזאגט,** ״יעדע אנײדע קאונטי איינוואוינער קומט זיך צוטריט צו זיכערע, צוגענגליכע, ענערגיע-גינציגע האָוזינג, און איך בין שטאלץ אז דער פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האָוזינג שטייער קרעדיט וואס איך האב שווער געקעמפט אויף צו פארברייטערן האט צוגעשטעלט די מיליאנען דאלארען אין אינוועסטירונג נויטיג אויף אריינצובלאזן נייע חיות אין די אפארטמענטס פאר עלטערע מענטשן און די מיט דיסאַביליטיס אין ראום. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול אויף דעם נייטיגן צוגענגליכע האָוזינג אונטערנעמונג, און איך וועל ווייטער קעמפן צו באקומען יעדן דאלער פון פעדעראלע שטיצע נייטיג צו העלפן לייגן די פונדאמענט פאר א ליכטיגערע און גרינערע צוקונפט פאר גאנץ צענטראל ניו יארק.״

**סענאטארקע קירסטען דזשיליברענד האט געזאגט,** ״אלע ניו יארקער זאלן האבן א פלאץ צו וואוינען וואס איז זיכער און צוגענגליך. די קריטיש-וויכטיגע פראיעקט וועט העלפן פארזיכערן אז אנײדע קאונטי עלטערע איינוואוינער האבן צוטריט צו צוגענגליכע האָוזינג אפציעס און אז די קאמיוניטי׳ס געברויכן ווערן נאכגעקומען. צוטריט צו צוגענגליכע האָוזינג איז העכסט-נייטיג איצט מער ווי אלעמאל, און איך וועל שטענדיג קעמפן אויף צו פארזיכערן אז אונזערע קאמיוניטיס האבן די הילפס-מיטלען אין וועלכע זיי נייטיגן זיך.״

**סטעיט סענאטאר דזשאסעף א. גריפא האט געזאגט,** ״אזוי ווי אונזערע געגנטער און קאמיוניטיס זעצן פאר ווייטער צו שטייגן, איז עס וויכטיג אז מיר באזארגן זיכערע און צוגענגליכע האָוזינג אפציעס צו אלע טיילן פון דער באפעלקערונג. דער פראיעקט וועט באזארגן עלטערע איינוואוינער און מענטשן מיט דיסאַביליטיס מיט צוטריט צו מאדערנע און ענערגיע-גינציגע האָוזינג און גלייכצייטיג אויך רעהאביליטירן און אפהיטן אן עקזיסטירנדע געביידע אין ראום.״

**אסעמבלי-מיטגליד מעריען בוטענשאן האט געזאגט,** ״איך וויל דאנקען דער גאווערנער און NYSERDA פאר שטיצן דעם גרויסן פראיעקט. קאלאניעל אפארטמענטס איז א היים פאר פילע איינוואוינער, און די רעהאביליטירונג און אפהיט פון זייערע וואוין-ערטער איז העכסט-נויטיג און וועט צושטעלן יארן צוקונפטיגע זיכערע און באקוועמע לעבן.״

**אנײדע קאונטי עקזעקיוטיוו אנטאני דזשעי. פיסענטע דזשוניאר האט געזאגט,** ״די מאדערניזאציע פון די קאלאניעל II אפארטמענטס וועט אפהיטן און פארשטערקערן העכסט-נויטיגע פובליק האָוזינג פאר די עלטערע ראום איינוואוינער און אזעלכע מיט דיסאביליטיס. דער ערשט-פון-איר-סארט נעטאָ-זעראָ קארבאן פראיעקט וועט זיין א מוסטער פאר ענערגיע-גינציגקייט. איך לויב די ראום האָוזינג אויטאריטעט פאר איר וויזיע און איך דאנק ניו יארק סטעיט פאר די פינאנצירונג עס צו ברענגען צו דער ווירקליכקייט.״

**CEO פון ביעקאן קאמיוניטיס דארא קאוועל האט געזאגט,** ״דער אינאווירנדער פראיעקט איז א מוסטער אויף וויאזוי שטאנדהאפטיגקייט און צוגענגליכע האָוזינג אנטוויקלונג און ווידער-אנטוויקלונג

קענען און זאלן גיין האנט-ביי-האנט. מיט שטיצע פון אונזער פובליק און פריוואטע סעקטאר שותפים, וועט ביעקאן קענען סיי ביישטייערן צו דער סטעיט׳ס אמביציעזע קלימאט ענדערונג צילן און דראמאטיש פארבעסערן די לעבנס-קוואליטעט פאר קאלאניעל II איינוואוינער און סיי אונטערהייבן די ארטיגע עקאנאמיע. דאס איז א געווינס פאר יעדן און שטעלט אוועק א בלופרינט וואס וועט נאכגעמאכט ווערן איבער׳ן סטעיט.״

###